20 וואָס דו האָסט מיר צו דערציילן? האָט ער געזאָגט:
די יידן האָבן איינגעשטימט דיך צו בעטן, אַז דו
זאָלסט צומאָרגנס אַראָפּפירן פּוילוסן צום סנהדרין,
פּונקט ווי זיי וואָלטן געוואָלט עפּעס גענויער אויס־
21 פאָרשן וועגן אים. דו זאָלסט דיך אָבער נישט לאָזן
איבערעדן פון זיי, ווארום מער ווי פערציק
(מענטשן) פון זיי לאָקערן אויף אים, און האָבן
זיך פייערלעך געשוואוירן, נישט צו עסן און נישט
צו טרינקען, ביז זיי וועלן אים נישט האָבן אומגע־
בּרענגט; און זענען איצט גרייט און וואַרטן (בלויז)
22 אויף דיין הבטחה. און דער הויפּטמאַן האָט אַוועק־
געשיקט דעם יונגנמאַן, אָנזאָגנדיק אים: זאָלסט
קיינעמען נישט אויסזאָגן, אַז דו האָסט מיר דאָס
23 צו וויסן געטון. און האָט גערופן צוויי פון די
אָפיצירן, און געזאָגט: גרייט צו צוויי הונדערט
זעלנער, וואָס זאָלן גיין קיין קיסריה, און זיבעציק
רייטער, און צוויי הונדערט שפּיזנטרעגער, אין דער
24 דריטער שעה פון דער נאַכט; און (ער האָט באַפוילן)
זיי זאָלן צוגרייטן בהמות, כדי אַרויפצוזעצן
פּוילוסן און אים אַוועקפירן אין זיכערהייט צו
25 פעליקסן דעם גובערנאַטאָר. און האָט געשריבן
אַ בריוו, אויף דעם אופן:
26 קלודיוס ליזיאַס צום נאָבעלן גובערנאַטאָר
27 פעליקס, שלום. דער דאָזיקער מאַן איז געפאַנגען
געוואָרן פון די יידן, און זיי האָבן אים געוואָלט
טייטן; (נאָר) איך בין געקומען מיטן מיליטער
און האָב אים אָפּגעראַטעוועט, דערוויסנדיק זיך,
28 אַז ער איז אַ רוימער. און וועלנדיק וויסן
די סבה, פאַרוואָס זיי האָבן אים אָנגעקלאָגט,
האָב איך אים אַראָפּגעפירט צו זייער סנהדרין;
29 און האָב געפונען, אַז ער ווערט אָנגעקלאָגט וועגן